






קונטרס

# מכתבי התעוררות בענין השחיטה



חלק א׳ - שנת תשל״ג - תשל״ט לפ״ק, עם הוספות חדשות,
כל מה שכתוב כאן נוגע לכל הבתי שחיטה בכל העולם כולו
[ראה באריכות בחלק ב׳]

אור הזוהר 478 ★ כסליו תשע״ד  חלק ז

מפעל הזוהר העולמי

בנשיאות כ״ק אדמו״ר מהאלמין שליט״א מחבר למעלה מאלף ספרים טל: 0527651911


האדמו"ר מהאלמין

גדולי הצדיקים אומרים ללמוד זוהר הקדוש



## מכתב יא

לכבוד דייני ומנהיגי קהלתינו קהל ייטב לב ולכל הרבנים שליט״א.

מיר האָבן אייך שוין געגעבן די לעצטע וואָרענונג, אַ די גרויסע שחיטות מוז נעמען אַן עק. יעצט איז אונז נתוודע געוואָרן פון אַ שוחט מומחה אַ גרויסער סוד, אַז די אַלע זאַכן וואָס זענען געווען ביז יעצט, איז געווען אַ קליינינגקייט, אָבער עס איז דאָ נבילות וטריפות ממש ל״ע.

אַז מען שחט 1200 עופות אַ שעה, קען דער רב נאָכקוקן וועט ער זען אַז עס מאַכט זיך אַ סאַך מאָל וואָס עס איז א שמוטה, און צוליב שנעלקייט זעהט ער דאָס נישט, און אויך קען פאסירן אַז דער גוי קען אַרויפלייגן אויפ'ן קייט לעבעדיגע הינער [עופות], ווי מען האָט שוין אַ סאַך מאָל געזען.

נאָך זאָגט ער, אַז ווען דער רב זאָל נאָכקוקן וועט ער טרעפן אַז דער שוחט שעכט כסומא בארובה, און נאָך וועט מען זען אַז די תפיסה איז נישט קיין תפיסה, און די רבנים וועלן זען אַז מיר עסן נבילות וטריפות רח״ל, און מען איז עובר בשאט נפש אויף דעם מאמר חז״ל פון ר׳ יהודה ב״ר אילעי אין חולין דף כ״ז וואָס זאָגט עד שישחוט הוורידין. ווי אַזוי איז דאָ צייט אויף דעם, צו שעכטען די וורידין, און די גמרא זאָגט הזהרו בוורידין כו״י.

אויך האָבן מיר די לעצטע וואָך געהערט שמועסן אין התאחדות האברכים, אַז ר׳... שו״ב האָט געזעהן ווי ר׳... קוקט אויף טעלעוויזיע ל״ע, ווי איז צו אונז אַז מיר האבן דערגרייכט צו אַזאַ ביטערע מדריגה.

די מנהלי הקהילות האָבן מערערע מאָל געבעטן אַז וועט עס ווייסט קריטיק אויף די שחיטה זאָל קומען זאָגן, און מ'וועט מתקן זיין, ולקיים דבריכם באנו, מיר זעען אַז ביז איצט איז נאָך גאָרנישט נשתנה געוואָרן לטובה, אדרבה, עס ווערט אלס ערגער.

מיר לייגן דאָ אַראָפּ בכלל ווי אַזוי די שחיטה זעהט אויס, און בפרט ווי אַזוי שוחטים זעען אויס און זיי האָבן נישט קיין שום נאמנות.

אין דערהיים וואָלט מען שוין 10 מאָל מעביר געווען אַזעלכע בורים ורקים בלי שום ספק. וכל אלו דברים ברורים וקיימים בשם אומרם, און אַז דער רבי שליט״א וואָלט דאָס געוואוסט וואָלט ער דאָס נישט געקענט אַריבערטראָגן.

מיר האָבן באַקומען אַ רעפּאָרט פון גאָווערמענט דעפּאַרטמענט פון 3 חדשים צוריק, אַז מען האָט געשאָכטן 18 טויזנט עופות אין 7 שעה, וואָס דאָס קומט אויס פאַר איין שוחט בערך פון 12 ביז 13 הונדערט אַ שעה.

מיר בעטען אייך, און מיר וואָרענען אַז עס מוז אַרויסקומען אַ תקנה פון דריי רבנים, אַז מ'טאָר נישט שעכטען מער פון 500 עופות אַ שעה, אפילו ווען עס איז דאָ אַזעלכע וואָס זאָגן אַז זיי קענען שחט'ן שנעלער, ווייל עס איז דאָ אַזעלכע וואָס קענען נישט שחט'ן מער, און ווערן מיטגעריסן מיט'ן שטראָם פון שחט'ן שנעל, און ווייל זיי האבען מורא אַז זיי וועלען פארלירן זייער פרנסה, זענען זיי מאכיל נבילות וטריפות רח״ל...

**בשם וועד העומד על המשמר**

נ״ב: יעצט פאַר'ן אַרויסשיקן דעם בריוו איז אָנגעקומען אַ ידיעה אַז די רבנים האָבן דאָס גענומען אין די הענט. ממילא וועלען מיר וואַרטן אַביסל צייט, אָבער אויב מיר וועלען נישט הערן ביז אַ קורצע צייט א השתנות, שטייען מיר גרייט



און מיר וועלן ווארטן. געדענקט, מיר זענען פאַרבינדען מיט אַלע כוללים, וד״ל...

**וועד העומד על המשמר**

◊◊◊

## מכתב יב

לכבוד דייני ומנהיגי קהילתינו קהל יטב לב ולכל הרבנים שליט״א.

די שוחטים וואָס זענען שותפים מיט וויינשטאָק'ן זענען אָנגעגאַנגען מיט אַ פולן טעראָר קעגען אַלע שוחטים, ווייל זיי האָבן געוואוסט אַז די סודות פון די בריוו קומען נישט פון די גאַס, נאָר פון אייגענע ערליכע שוחטים, ווייל זיי ווייסען אַז איינער ווייסט צופיל צו דערציילן.

איינער פון די שוחטים איז אַרויסגעפאָרן צו די שחיטה מיט אַ רעוואָלווער און ממש געסטראַשעט מיט הארג'ענען, ביז איינער אָדער צוויי האָבען דערציילט אַז ער מיינט דעם שוחט ר' שלום יודא גראס וואָס ער איז אַ פרומער, און ער רעדט זיך כסדר אָפּ אויף די אַלע שוחטים אין שחיטות און מן הסתם איז דאָס זיין אַרבעט.

אַזוי ווי דער שחיטה סקאַנדאַל האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסן טומל אין סאַטמאַרער ביהמ״ד, האָבן זיי געמוזט שרייבן אַז זיי האָבן געמאַכט נייע תיקונים, און דאס צעטל האָט געהאָנגען אין ביהמ״ד.

נ.ב. דאָס צעטל פון די תיקונים האָט געהאָנגען אַ סאַך צייט, ווייל זיי האָבן שוין נישט געהאַט קיין ברירה. די שטאָט האָט שוין צו שטאַרק געקאָכט.

דאָ ווייטער ווערט איר זען דעם צעטל:

◊◊◊

## מכתב יג

**קהל יטב לב דסאַטמאַר**

**מודעה**

אזוי ווי עס איז באַוואוסט, אז עס זענען איינגעפירט געוואָרען נייע תיקונים און הידורים אין קהל'ס שחיטה (בהמות און עופות) תחת השגחת ועד הכשרות דקהל יטב לב דסאַטמאַר, וואָס עס איז געגרינדעט געוואָרען עפ״י כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א, מיט א ספעציעלער משגיח וואָס די קהלה האָט באַשטימט, וואָס מיר וועלען אי״ה מפרסם זיין - דורך דעם זענען פאַרמערט געוואָרען ב״ה די קונים.

דעריבער ווערען די חשוב'ע קונים געבעטען צו קאאפערירען, און נעמען אין באַטראַכט אַז ״כל התחלות קשות״, און עס קען זיך טרעפען אַז איין געוויסער פראָדוקט וועט נישט זיין אויפ'ן באַלדיגן פאַראַנג, זאָל מען מוחל זיין געדולדן און נוצן ביז דערווייל אַן ענליכעס, כדי צו ערמעגליכען איינצוהאַלטן דעם נייעם סדר מיט אַלע תיקונים און הידורים.

עש״ק פ' ויקרא תשל״ד לפ״ק.

**הנהלת הקהלה**

◊◊◊

## מכתב יד

לענין בדיקת פנים בחפזון, עי' בספר השוחט והשחיטה דף 16 ודף 17 לענין שחיטה תלוי' בדף 14-15. ראיתי שוחטים גלאַטע ששוחטים כך בתירוץ שאומרים שאוכלים לה״אָ-יו״ לא גלאַט - ולגלאַט לא שוחטים כך. והקושי' עצומה, מה הנפקא מינא בין גלאַט ללא גלאַט לענין דרסא?

כבר סיפר לי רב אחד, הג״ר משולם ראָטענבערג שליט״א שהיה כמה עדות וראו איך שר'... קורע סירכות, ושאלוהו מה זה, ואמר שזה לא להקונים של ״גלאַט״ אלא ליהודי אמריקה (״אמעריקאנער אידן״). ואולי יש לו על זה סמך עבר ושנה, והכל מכח המהירות. ואם היו עוד שוחטים ובודקים היו יכולים ליתן לשוחטים של ״אָ-יו״ שיעשו הם כל שברצונם. וכעין זה בארץ ישראל שפירסמו הרבנים דשם שהסופרים כו' כותבים ומוכרים סת״ם פסולים, וכשנתברר אמרו שזה הולך לחו״ל לה״פראָסטע אַמעריקאַנער״ שלהם הכל כשר (וידוע שהובילו את הבשר הזה גם לשכונות החרדיות).

◊◊◊

## מכתב טו

אַ בריף צום וועד הכשרות שליט״א

איך בין נישט קיין שרייבער און נישט קיין למדן, נאָר אַ איד פון די אונגארישע הייזער אין ירושלים עיה״ק. איך בין אהער געקומען קיין ברוקלין וועגען רפואות, וויל איך אייך מעורר זיין אויף אַ פרט וואָס איך בין ל״ע נכשל געוואָרען דאָ אין הייליגן וויליאמסבורג.

אין ארץ ישראל בין איך אַליין געגאַנגען צום שוחט שעכטען און אַלץ אַליין כשר געמאַכט. דאָ האָט מיר איינער געזאָגט אַז מען קען נישט גיין שעכטען, אָבער מען קען קויפן אין סטאָר נישט כשר געמאַכטע עוף. האָב איך געקויפט אַן עוף און כשר געמאַכט און געהאַט לכבוד שבת, און עס איז פיין געווען.

מיט אַ וואָך שפּעטער האָב איך געהערט די שאלות וועגען די פאקין, יאָ כשר, נישט כשר. בין ובין כך בין איך געוואָר געוואָרען אַז דער עוף וואָס איך האָב כשר געמאַכט איז שוין איינמאל געווען כשר געמאַכט, איך האָב באַלד געפרעגט אַ רב וכו'.





ממילא וויל איך אייך אַריינשיקן די צוויי זאַכן, צו באַקוקן די קישקעלעך און וועגן דיא מאָדע "כשר", אַז מען פאַרקויפט דאָ נאָר פאַרטיג געמאַכטע פלייש, און איך בעט אייך, זייט מיר מברר צי מען דאַרף באַקוקן קישקעלעך אָדער נישט, און צי דאָס איז אויסגעהאַלטען צוצורויבען פון די פרויען די מצוה פון כשר מאַכען עופות, און אפילו די וואָס זוכען דאָס שטאַרק, איז זיי דאָס נישט מעגליך מקיים צו זיין, און זיי מוזן זיך באַין ברירה פאַרלאָזן אויף'ן כשרות פון קצב, וואָס יעדער ווייסט אַז עס קען נישט זיין די זעלבע ווי דער וואָס מאַכט פאַר זיך כשר אַ פאָר עופות.

החותם בברכה וכל טוב
**הק' אברהם גרין**

נ"ב: אויך בעט איך אייך, שרייבט אייערע אַרטיקלען אין אידיש, כדי יעדער זאָל קענען פאַרשטיין.

**הערת וועד הכשרות**

אויך ברענגען מיר אַ ארטיקעל פון "דער איד", יאנואר 25 1974 (תשל"ד). פון דעם ארטיקל וועט איהר זען וויא ווייט אַמעריקע איז נפרץ אין כשרות.

**התאחדות הרבנים דארצות הברית וקנדא**

## מודעה נחוצה

היות שבשבועות האחרונות יצא קול רינון על העופות הנשחטים בבית המטבחיים (טשיקען מארקעט) של הפירמא

"וויינלענד כשר פאולטרי" בוויילנאד, יע"א

ששוחטים שם מאלף עד חמשה עשר מאות עופות בשעה אחת, על ידי שו"ב אחד.

דין גרמא שביום ג' פרשת וארא העעל"ט שלחנו משלחת חשובה מארבעה חברי התאחדות הרבנים, הרבנים הגאונים משטשאקאווא, משארמאש, מטאקאי, מבאטור שליט"א, כדי ליתן דין וחשבון בפרטיות ממצב הכשרות של המארקעט הנ"ל.

וביום ג' פרשת בא כ"ח לחדש טבת העעל"ט נתקיימה אסיפה מחברי ועד ההנהלה והכשרות שעל ידי התאחדות הרבנים, באולם האסיפות שלנו, אשר בה נוכחו הרבנים הגאונים שליט"א: משארמאש, מפאפא, מסיגעט, הרה"ג ר' משה צבי ארי' ביק - מוואודיסלאוו, מבאטור, מטאקאי, מטארטיקוו, מסאמבאטהעלי, והרה"ג ר' נתן יוסף מייזעלס.

הרה"ג משטשאקאווא שליט"א נתן דין וחשבון פרטי בכתב על כל מצב הכשרות של המארקעט, ואחריו מילא את דברו הרה"ג מבאטור שליט"א בעל פה.

אחרי שנשאו ונתנו הרבנים הגאונים שליט"א בכל פרט ופרט, נתברר שאין שום ממש בקול רינון הנ"ל ח"ו, והוא שקר מוחלט, כי אין במציאות ששו"ב אחד ישחוט שם בשעה אחד יותר משׁשה מאות עופות.

והודגש עוד הפעם שהשוחטים המה מובהקים ויראי ה', כמו כן המשגיחים. ונוסף על זה הבעלי בתים מבית המטבחיים של עופות (טשיקען מארקעט) "וויינלענד כשר פאולטרי", הנם שומרי תורה ומצוות[ד]. וחוץ מהמשגיחים התמידיים מבקרים את המארקעט מזמן לזמן רבנים מובהקים, הנשלחים על ידי ועד הכשרות של התאחדות הרבנים, והכל הוא ב"ה על צד היותר טוב.

**התאחדות הרבנים דארצות הברית וקאנאדא**

◇◇◇

**הערת העורך:** עס איז נישטא קיין גרעסערע ליצנות ווי דאס, אז די התאחדות הרבנים זאל אראפשרייבן אזא אפענעם שקר, וואס טויזנטער ארבעטער ווייסן אז מ'שעכט 1,200 עופות א שעה. אין "עמפייער" און אין אנדערע שחט הייזער ארבייטן טויזנטער ארבעטערס, הונדערטער אידן און להבדיל טויזנטער גוים, וואס זעען און ווייסן אז יעדער שוחט מער ווי טויזנט עופות א שעה, און אלע שוחטים דערציילן אין די גאסן פאר יעדן איינעם אז מ'שעכט מער ווי טויזנט א שעה, און דא קומט די התאחדות און איז מפרסם אזא אפענעם שקר, צו פארנארן די גאס.

דער אמת איז, אז די אויבן דערמאנטע חשוב'ע רבנים וואס זענען געזעסן ביי די אסיפה האבן ליידער באמת אלע יא געוואוסט דעם אמת, מ'האט ארומגערעדט איבער דעם ענין און מ'האט זיי גארנישט דערציילט אז מ'גייט ארײנשטעלן אזא שקר מוחלט אין "דער איד". הרב ביק האט אפילו געשיקט אהין אן אייגענעם מענטש וואס איז געווען ביי די שחיטה און ער האט געוואוסט דעם אמת.

◇◇◇

## מכתב טז

**מכתב מכ"ק אדמו"ר שליט"א מקאסאן מרן רבי ישראל ראָטענבערג שליט"א**

(י"ל בשנת תשכ"א בערך)

**להתוודע ולהגלות**

בס"ד

מיר ווילען מודיע זיין דעם ווירדיגען קהל חרדים און שלימים, אַז נישט כ"ק אדמו"ר הגה"ק מסאַטמאַר שליט"א [זצוק"ל], נישט זיין קהל און נישט זיין ישיבה האָבען השגחה איבער די פליישן און עופות פון מוהר"ר אהרן ווײנשטאָק, טראָץ



ד) אגב: אחד מהבעלי בתים הי' לו עקסידענט עם הקאר שלו ביום הכפורים שחל להיות בשבת.



דעם וואָס ער לייגט אַרויף אַ חותם מיט דעם וואָרט סאַטמאַר.

עס איז בכלל אַ גרויסער ספק צי דער מענטש האָט נאמנות, ווייל ער שטייט איין אין מיאַמי אין אַ האָטעל וואָס עס איז גע'אַסר'ט געוואָרן פון כ"ק אדמו"ר שליט"א [זי"ע] און פון די התאחדות הרבנים, ווייל דאָרט איז דאָ אַ געמישטע סווימינג פול, און נאָך פירצות, און עס איז דאָ אַ קול רינון אַז ער האָט זיך אויך געבאָדן בתערובות.

עס איז נישט קיין באַוויז אויף זיין נאמנות דאָס וואָס כ"ק אדמו"ר שליט"א [זי"ע] שטייט איין ביי איהם אין באָראָ פּאַרק, ווייל דאָס ווערט געטוהן דורך די השפעה פון די נאָענטע מקורבים וואָס זענען מלחכי פינכא פון וויינשטאָק.

און כ"ק אדמו"ר שליט"א [זצ"ל] איז גאָרנישט באַקאַנט אין די ענינים, נאָר אַזוי פיל וואָס דער גבאי און די שוחטים זאָגן איהם, און זיי קען מען בעצם נישט גלויבען ווייל זיי זענען מקבל טובה פון וויינשטאָק, און דאָס רירט אָן זייער פרנסה, ווי כ"ק אדמו"ר שליט"א [זי"ע] שרייבט בספרו הקדוש ויואל משה (סי' קע"ב).

דאָס דעפלעקטירט גאָרנישט אויף כ"ק אדמו"ר שליט"א [זי"ע], נאָר בעוונותינו הרבים עס איז אַזוי ווי רבינו אַליין שרייבט (בספה"ק הנ"ל סי' ק"נ) אַז אין חטא פון דור ווערן די צדיקים פאַרפירט, וז"ל (שם סי' ק"נ): **"שסמיית עינים של המנהיגים שלא להבין האמת היא שאשמת העם שנענשים בכך לסמות עיני המנהיגים"**, און דאָס איז נישט גורע מגדולתן של הצדיקים, ווי כ"ק אדמו"ר שליט"א [זי"ע] האָט אַליין געזאָגט אין דעם ענין הבחירות אויף דעם צדיק הדור זיע"א.

רבינו הקדוש שליט"א [זצוק"ל] בלייבט ווייטער דער צדיק הדור, אפילו ווען מען איז מאכיל טריפות אונטער זיינע פלייצעס.

◇◇◇

## מכתב יז

### מכתב שכתב האדמו"ר מקאסאן שליט"א נגד שחיטת וויינשטאָק

על אודות השחיטה המהודרת בעירנו הנקרא גלאַט, הנה לדעתי הצעירה השחיטה הזאת אינה כהוגן כלל ובספק כשרה עומדת ולא גלאַט, כי הנה צריכין להבין שבכל עת היתה כאן בעירנו נוא יאָרק שחיטה גדולה, וגם כמה וכמה שוחטים מגודלי זקן ופיאות ארוכות כידוע לכל באי שער נוא יאָרק. אבל בכל פעם היה כמה וכמה מהשרידים שהיו מרננים אחר מעשה השחיטה שאינה כהוגן.

בשנת תרצ"ח בא רב אחד ממדינת אונגאַרן, ת"ח ובעל הוראה מובהק (בנו של אחד מגדולי הדור לשעבר) והנהיג בניו יאָרק שחיטה חדשה ששחטו לערך ששה או שבעה בהמות בכל שבוע שהיתה די והותר, כי לכל היותר אכלו שנים או שלש מאות משפחות משחיטה זו, ובפרט שלא היה אז המנהג באַמעריקע להתפטם בכל יום בבשר בהמה.

והנה תיכף אחר המלחמה באו לכאן עוד כמה וכמה רבנים מובהקים גדולי הוראה, וכמה אלפים מאחינו בני ישראל ממדינת אייראָפּא, והנהיגו כאן עוד שחיטה חדשה מהודרת שהיתה לכאורה יותר טובה מהשחיטה הקודמת, כי הנהיגו אז שמשגיח תמידי ימצא בחנויות מוכרי בשר, ועוד איזה הנהגות טובות שלא היו מקדמת דנא. עד שהתרחש שהרב המכשיר של השחיטה השניה לא הרשה להביא מבשר שחיטה הקודמת לבית מדרשו, וגם השמיע כמה דברים על הנהגת השחיטה הראשונה שאינה הגונה וטובה (וממילא היא טריפה) עד שנעשה רעש גדול לברר אמיתות הדברים, והיה מדובר שתהיה דין תורה בבית דין של חמש, והרב של השחיטה הקודמת בחר בהרבנים הג' האבדק"ק האָדהאז נ"י, ובהרב ר' משה ביק נ"י, אבל מצד פאליטיק ועוד איזה ענינים נשתתק כל הענין. אבל בסתר היו כמה וכמה מהחסידים מרננים על השחיטה הקודמת שאינה טובה, ושיש עליה כמה חששות.

והנה לאט לאט בהעלמת עין מהרבנים גילו את עצמם בעלי המסחר השחיטה השניה להנהיג כמה וכמה קולות כמו:

א. לפתוח החנות בלי משגיח, וכשראו אנשי השחיטה השניה שאין פוצה פה ומצפצף, ויכולים לעשות מה שלבם חפץ, עשו כן.

ב. ישנם כמה וכמה עדים כשרים שראו בפרהסיא הבאת בשר לוויליאמסבורג בליל מוצאי שבת קודש, לערך רבע שעה אחר הזמן, שזה אי אפשר אלא אם כן חללו את השבת ר"ל באיזה שעות מקודם.

ג. מעולם לא הצריכו הרבנים את השוחטים להביא את סכיניהם לפניהם לבדיקה. אדרבא, לא הראו שום הכנעה לרבנים כמו שצריך. ואדרבה, רב אחד התאונן כששמעע שמתכוננים להנהיג שחיטה שלישית. בשמעו חיפש שוחט אחד, מפורסם בקלות מעשיו והביא את סכינו לבדיקה, ובא אז בליל שבת קודש לשלחנו של הרב ההוא להראות שהוא נכנע לו, ונשתתק הענין.

ד. גם התלוננו בפרהסיא על השחיטה של וואַשינגטאָן הייטס שאיננה כהוגן, ואף על פי כן כשבעל המסחר הראשי כשנצרך לו בשר אף על פי שהוא ורבניו דברו מרורות על השחיטה ההיא לקחו מהבשר של וואַשינגטאָן הייטס ומהשחיטה הקודמת, החליפו את הכרטיסים ואת הפלאָמבעס על שמם, וקדשו הבשר בקדושה עילאית, שמזה יאכלו ענוים וישבעו רח"ל.

